אז מ'וועט זוכה זיין בדין, ווארום מ'איז "נצבים קיימים ועומדים" נאך פאר ר"ה.

און מ'גייט מקבל זיין פני משיח צדקנו אין דער גאולה האמיתית והשלימה, ומתוך שמחה וטוב לבב.

* * *

לג. צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה שוש אשיש בה' גו'.

* * *

לד. ס'איז דאך רגיל צו אפלערנען א פסוק מיט פירש"י פון פרשת השבוע, איז וויבאלד מ'שטייט פאר שנת הקהל, וועט מען זיך אפשטעלן אויף א פרש"י אין דעם ענין פון הקהל.

אין קאפיטל לא פסוק י"ד שטייט: "מקץ שבע שנים, במועד שנת השמיטה בחג הסוכות".

שטעלט זיך רש"י אויף "מקץ שבע שנים", און איז מבאר: "בשנה ראשונה של שמיטה שהיא שנה שמינית, ולמה קורא אותה שנת השמיטה, שעדיין שביעית נוהגת בה בקציר של שביעית היוצא למוצאי שביעית".

דער מקור פון פרש"י איז אין גמרא סוטה (מא, א); אבער ווי גערעדט כמה פעמים איז דאך ענינו של רש"י ניט מעתיק זיין גמרות וכיו"ב - נאר מבאר זיין פשוטו של מקרא, ווי רש"י אליין זאגט בכ"מ "ואני לא באתי אלא לפשוטו של מקרא" - במילא איז פארשטאנדיק, אז דער פירוש רש"י איז א ביאור אין דעם פסוק ע"פ פשש"מ.

די הסברה אין דעם פרש"י: וויבאלד אין פסוק שטייט "מקץ שבע שנים" - קען מען דאך מיינען אז דאס מיינט "בסוף שבע שנים", ווי רש"י האט ארויסגעגעבן דעם כלל אין אנהויב פ' מקץ - "וכל לשון קץ סוף הוא";

דעריבער באווארנט רש"י אז דא מיינט "מקץ" - נאך שמיטה, "בשנה ראשונה של שמיטה שהיא שנה שמינית".

לפי זה ווערט דאך אבער שווער וואס עס שטייט "במועד שנת השמיטה"? איז רש"י מבאר, "שעדיין שביעית נוהגת בה בקציר של שביעית היוצא למוצאי שביעית".

ס'איז אבער דורש ביאור:

א) וויבאלד לשון הכתוב איז "מקץ שבע שנים", און רש"י איז מפרש אז דאס מיינט אין "שנה השמינית" - איז פארוואס איז רש"י מקדים אז דאס איז "בשנה <u>ראשונה</u> של שמיטה"? וויבאלד אז דאס איז שנה השמינית פון דעם פריערדיקן שמיטה - וואס איז דא נוגע אז דאס איז "שנה ראשונה" פון דער קומענדיקער שמיטה? ובפרט אז לשון הכתוב איז אויך "וזרעתם את השנה השמינית"?

נאכמער: אז מ'גיט א קוק אין דעם מקור פון פרש"י, אין מס' סוטה, זעט מען אז דארט שטייט טאקע ניט אז דאס איז "שנה ראשונה של שמיטה"?

ב) וואס איז דער ביאור אין דעם וואס "קורא אותה שנת השמיטה - שעדיין שביעית נוהגת בה בקציר של שביעית היוצא למוצאי שביעית": צי דען איז דאס גענוג סיבה אז דער גאנצער יאר זאל הייסן "שנת השמיטה", וויבאלד לגבי א פרט מסויים איז מען דעמולט מחויב אין עניני שמיטה?

<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>

נאכמער: פון דעם ענין גופא איז גאר מוכח אז דאס איז נישט שנת השמיטה אליין, ס'איז "מוצאי שביעית", און דעמולט זיינען חל די דינים פון שמיטה אויף דעם "קציר של שביעית"?

אויך בכללות איז ניט מובן: דא רעדט זיך דאך וועגן דער מצוה פון "הקהל", ניט וועגן מצות שמיטה (וואס רעדט זיך אין פ' בהר) - איז וואס איז דא נוגע צו מדגיש זיין, אז במוצאי שביעית איז שביעית נוהגת כו'?

בשלמא ע"ד ההלכה, איז דא אויך דער לימוד ע"ד הרמז וכו', במילא האט אן ארט אז תורה זאל דא מרמז זיין א דין אין הל' שמיטה - אבער ע"פ פשש"מ האט לכאורה לגמרי קיין ארט ניט דערמאנען "שנת השמיטה" בשעת ס'רעדט זיך וועגן מצות הקהל.

ועוד כמה וכמה דיוקים, וכפי שיתבאר לקמן, מיוסד אויפן כלל אז פרש"י עה"ת איז פשש"מ, און אלץ וואס רש"י שרייבט איז בתכלית הדיוק, און דער בן חמש למקרא דארף ניט גיין זוכן דעם פירוש אין מפרשי רש"י, ובפרט אז אפילו אויב ער וועט וועלן גיין זוכן אין מפרשי רש"י - וועט ער דארטן גארניט געפינען, ווארום זיי (די וואס איך האב געזען) שטעלן זיך בכלל ניט אויף דעם.

אז מ'רעדט שוין וועגן תכלית הדיוק שבפרש"י - איז כאן המקום מוסיף זיין ביאור אין די פירושי רש"י וואס מ'האט מבאר געווען אין דער פריערדיקער התוועדות.

אין פרש"י געפינט מען צוויי אופנים ווי ער איז מבאר דעם לשון הכתוב "אשר אנכי מצוך היום" וכיו"ב:

אמאל זאגט רש"י אז דאס מיינט, אז דער ציווי זאל זיין בכל יום "כחדשה", מיט א כ"ף הדמיון; און אמאל זאגט ער "בכל יום ויום יהיו בעיניך חדשים", אן א כ"ף הדמיון.

האט מען אין דערויף מבאר געווען אז פרש"י איז בתכלית הדיוק, און בכל מקום איז רש"י מפרש ווי דער פסוק זאגט:

בשעת ס'שטייט "מצוך היום" סתם, האט מען דערפון נאר א לימוד אז דאס דארף א אידן אין אן אופן פון "היום", יעדן טאג "כחדשה", מ'האט אבער דערפון קיין לימוד נוסף ניט אז דאס דארף זיין "חדשים" ממש - דעריבער טייטשט רש"י "כחדשה", בכ"ף הדמיון, משא"כ ווען דער פסוק זאגט "היום הזה", איז פון דעם ייתור לשון "הזה" מוכח אז נוסף לזה וואס עס דארף זיין "היום"- "כחדשה" דארף דאס זיין "חדשים" ממש.

האט מען אין דערויף געפרעגט:

אין פ' עקב, אין דער פרשה "והי' אם שמוע תשמעו", שטייט "אשר אנכי מצוה אתכם היום" - און רש"י איז מפרש "שיהיו עליכם חדשים", אן א כ"ף הדמיון.

איז ניט מובן: אין פסוק שטייט דאך ניט היום הזה - איז פון וואנענט נעמט רש"י אז עס דארף זיין "חדשים" ממש?

ובאמת איז דאס ניט נאר א שאלה אין די ווערטער נאר אין כללות התוכן:

ס'איז דאך ידוע וואס די גמרא זאגט וועגן דעם חילוק צווישן פרשה ראשונה של ק"ש און פרשה שני' של ק"ש (ברכות לה, ב); און מ'דארף גאר ניט אנקומען צו דער גמרא, ווייל דער בן חמש למקרא פארשטייט דאס אליין:

אין פ' והי' אם שמוע ווערט באווארנט "השמרו לכם פן יפתה לבבכם וגו'",

הנחה פרטית בלתי מוגה

ד.ה. אז ס'רעדט זיך וועגן א מעמד ומצב וואס מ'דארף דאס באווארענען; משא"כ אין פ' ראשונה דארף מען ניט באווארענען דעם גאנצן ענין -

במילא ווערט ניט מובן: אין פרשה ראשונה של ק"ש, ווען מ'שטילט אין א מעמד ומצב נעלה יותר - זאגט רש"י "כחדשה" מיט א כ"ף הדמיון, ד.ה. מ'מאנט פון אים ס'זאל זיין נאר "כחדשה"; און אין פ' שני', ווען מ'שטילט אין א מעמד ומצב וואס מ'דארף באווארענען "השמרו לכם גו'" - דארטן טייטשט רש"י "שיהיו עליכם חדשים" אן א כ"ף הדמיון?

און מ'מוז זאגן אז רש"י אליין האט דאס באווארנט, ווייל רש"י באווארנט אלע ענינים הבלתי מובנים אין פשש"מ.

האט דאס טאקע רש"י אליין באווארנט - גלייך לפנ"ז:

אויף תחלת הפסוק "והי' אם שמוע תשמעו" זאגט רש"י "אם שמעת בישן תשמע בחדש". דערפון איז פארשטאנדיק, אז שוין בתחלת הפרשה מאנט מען עס זאל זיין א שמיעה פון "חדש", עס זאל זיין "כחדשים" -

במילא איז מובן, אז בשעת דער פסוק איז שפעטער מוסיף נאך אמאל "אשר אנכי מצוה אתכם היום" - מוז דאס עפעס צוגעבן אין דעם וואס מ'וויס'ט שוין פון פריער און מ'וויס'ט שוין אז ער זאל זיין כחדשים, דערנאך איז רש"י מפרש אז ער מיינט דערמיט מוסיף זיין, עס זאל זיין "חדשים" ממש.

וכאמור לעיל, אז דערפון זעט מען דעם גודל הדיוק פון פרש"י - ומזה מובן אויך בעניננו, אין דעם פרש"י בפרשתנו, אז אלץ דארף זיין בתכלית הדיוק -

וואס דאס וואס רש"י שרייבט "שנה שמינית" און ניט "שמיני" כלשון המשנה שם, איז מובן בפשטות, ווייל די גמרא אליין זאגט "בשמיני סלקא דעתך? אימא בשמינית", און רש"י'ס דרך איז צו מעתיק זיין מלכתחלה די מסקנא;

מען דארף אבער פארשטיין, כאמור לעיל, פארוואס איז רש"י מוסיף דעם ענין פון "שנה ראשונה של שמיטה".

אויך דארף מען פארשטיין: א) פארוואס איז רש"י מעתיק פון פסוק נאר די ווערטער "מקץ שבע שנים"? לכאורה איז דער קושי מתעורר נאר ווען מ'קומט צום סיום הכתוב, "בחג הסוכות" - וואס דעמולט ווערט די שאלה, ווי קען זיין "חג הסוכות" אין סוף פון א יאר? - איז פארוואס איז רש"י מעתיק נאר תחלת הפסוק?

ב) פארוואס באווארנט ניט רש"י א פשוט'ע שאלה אין דעם פסוק: פארוואס גיט דער פסוק כמה סימנים ווען דער צייט פון הקהל דארף זיין: "מקץ שבע שנים", און "במועד שנת השמיטה", און "בחג הסוכות"?

און ווי מ'זעט פון פריער אז רש"י באווארנט אויך דער פסוק, גיט כמה סימנים אויף איין ענין - פארוואס מ'דארף האבן אלע סימנים: אין פ' ראה איז רש"י מפרש פארוואס מ'דארף האבן אלע סימנים פון "בעבר הירדן", (יא,ל) "דרך מבוא השמש", "בארץ הכנעני היושב בערבה", "מול הגלגל", און "אצל אלוני מורה",

נאכמער: די גמרא איז מבאר פארוואס מ'דארף האבן יעדער סימן - דארף מען וויסן צי רש"י נעמט אן דער ביאור פון די גמרא? און אויב ניט - פארוואס טאקע ניט? דער ביאור אין גמרא איז לכאורה אויסגעהאלטן ע"פ פשש"מ? וכפי שיתבאר לקמן.

אין די הערות פון טאטן אין זוהר פ' וילך, שטעלט ער זיך (ע'תסא) אויף דעם וואס איז מבואר באריכות אין דעם זוהר פון היינטיקער סדרה (וילך) וועגן דעם ענין פון עניית אמן, די מעלות שבזה, און די עונשים וכו' וואס קומען בשעת עס פעלט אין אותיות פון קבלה, אז פ"ח איז דער ענין פון יסוד שבמלכות און מלכות שבמלכות - ער איז אבער ניט מבאר וואס איז די שייכות דערפון צו דעם ענין פון "אמן".

אין אן אופן פון "בכל יום יהיו בעיניך כחדשה" און נאכמער - "חדשים", און "מה להלן באימה וביראה וברתת ובזיע אף כאן באימה וביראה וברתת ובזיע", און דעמולט איז "כל הקורא ושונה בתורה הקב"ה קורא ושונה כנגדו"

און מ'זאל ניט נאר טאן אין דעם בנוגע צו זיך אליין - עס זאל זיין אין אופן פון "ברוב עם הדרת מלך" - מ'זאל אין דערויף אריינציען אויך אנדערע, און אפילו אז מ'האט שוין עשרה, זאל מען אריינציען נאך מער, ביז - אז אפילו אויב מ'האט שוין ששים ריבוא ישראל, דארף מען זיך משתדל זיין אריינציען אלע אידן פון דער וועלט, אזוי ווי ס'איז געווען בא מ"ת אז אלע אידן זיינען דארטן געווען.

מב. ויהי"ר אז מ'זאל טאן אין דעם ניט נאר ווי מ'האט געטאן פריער, פאר ר"ח אלול און פאר ח"י אלול, און פאר כ"ה אלול, וואס דאס איז דער שבת, שבת סליחות (ווי מ'רופט עס אן) - נאר א סאך מערער דערפון.

ובפרט אז מ'האט נאך דער כח דערצו פון שבת סליחות, וואס מ'הויבט אן דעמולט זאגן "לך ה' הצדקה", וואס דאס איז די צדקה פון דעם אויבערשטן וואס איז אין אן אופן פון "מי הקדמני ואשלם".

און דער כלי דערצו מאכט מען דורך דערויף וואס מ'לערנט אליין תורה, "מבשרך אל תתעלם", און מ'איז א טופח על מנת להטפיח - מ'ציט אויך אריין אנדערע אז זיי זאלן לערנען תורה, און מ'טוט דאס בכל מקום.

וועט דורך דערויף נמשך דער צדקה פון דעם אויבערשטן וואס יעדערער דארף דערצו אנקומען, ווי דער אלטער רבי זאגט אין תניא אז די "אבירי לב" וואס ווילן נאר באקומען שכר פאר עבודתם און ווילן ניט קיין צדקה פון א בו"ד - ווילן זיי אויך די צדקה פון דעם אויבערשטן.

און די צדקה פון דעם אויבערשטן זאל אראפקומען אין א כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה בטוב הנראה והנגלה און אלע פרטים און פרטי פרטים, ביז צו דער ענין כללי - גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, במהרה בימינו ממש.

* * *

דער ביאור אין פרש"י:

אין דער פרשה פון "הקהל" זאגט תורה, אז מען זאל מקהיל זיין "את העם, האנשים והנשים והטף וגרך אשר בשעריך - למען ישמעו ולמען ילמדו ויראו את ה' אלקיכם, ושמרו לעשות את כל דברי התורה הזאת"; ד.ה. אז די כוונה פון דער הקהלה איז געווען כדי צו מעורר זיין אידן אויף קיום התורה ומצוותי'.

ולפי זה ווערט ניט פארשטאנדיק וואס עס שטייט בתחלת הפרשה - "מקץ שבע שנים": די התעוררות דארף לכאורה זיין גלייך אין אנהויב (פון שבע שנים וכיו"ב), איז פארוואס שטייט אין פסוק "מקץ שבע שנים"?

און די שאלה באווארנט רש"י גלייך בתחלת הפרשה, וכמדובר כמה פעמים, אז אמאל איז רש"י מעתיק די ערשטע דריי ווערטער פון א פרשה (אן א "וגו'") - מיינענדיק דערמיט די גאנצע פרשה - און אויף דעם ענטפערט ער אז דאס איז טאקע "בשנה ראשונה של שמיטה" ד.ה. אז דאס איז טאקע "מקץ שבע שנים". נאך שבע שנים, נאך שמיטה, אבער אלס שנה ראשונה של שמיטה, ווייל גלייך בשנה ראשונה דארף מען מעורר זיין וועגן קיום התומ"צ וכו'.

לויט דעם ווערט אבער די שאלה - פארוואס רופט דאס טאקע אן דער פסוק "מקץ שבע שנים" ובלשון רש"י "שנה שמיניות"?

הנחה פרטית בלתי מוגה

איז די הסברה בזה:

די התעוררות פון "הקהל" האט אן ארט דוקא נאך שמיטה - ווארום בשנת השמיטה איז מען דאך ניט פארנומען מיט עבודת האדמה, חרישה וזריעה וכו׳, במילא איז מעצמו מובן אז מען פארנעמט זיך מיט לימוד התורה וקיום המצוות. און דאס פארשטייט דער בן חמש למקרא אליין, ווארום ער האט דאך שוין געלערנט פריער, אז לימוד התורה דארף זיין בכל זמן "בשכבך ובקומך ובלכתך בדרך" - פארשטייט ער, אז זייענדיק פריי גאנץ שנת השמיטה, פארנעמט זיך א איד מיט לימוד התורה וכו׳.

דוקא נאך שנת השמיטה, בשנה השמינית, בשעת מען גייט ארויס ארבעטן אין וועלט - דעמולט דארף זיין די באווארעניש און די התעוררות פון "הקהל" - "למען ישמעו ולמען ילמדו וגו׳".

דערמיט ווערט מען אויך פארשטיין פארוואס רש"י איז מעתיק דעם סיום הכתוב "בחג הסוכות" - ווארום די שאלה וואס דער בן חמש למקרא פרעגט דא איז ניט פון די ווערטער "בחג הסוכות" (ווי שטימען זיי מיט "מקץ שבע שנים"), נאר די שאלה ווערט נתעורר אין כללות הפרשה, און דער בן חמש למקרא פארשטייט איר פון זיך אליין:

ער ווייס, אז ווען ער וועט זיין בן שלש עשרה וועט ער ווערן "בר - מצוה" - און דעריבער הויבט ער אן לערנען "מקרא" שוין פון "בן חמש", כדי אז זייענדיק בן י"ג זאל ער זיין גרייט לקבל עול מצוות.

- און ס׳איז ניט מספיק אז א חודש לפנ"ז זאל ער לערנען די הפטרה און די ברכות און דעם "ספיטש" (להבדיל) וכו׳ -

במילא ווערט בא אים נתעורר די שאלה האמורה: בשלמא "טף" זיינען נאך קינדער, איז מובן פארוואס מ׳האט זיי פריער ניט מעורר געווען וכו׳ אבער אנשים ונשים זיינען דאך שוין גדולים - איז ווי קומט עס אז מ׳זאל ווארטן ביז "מקץ שבע שנים"?

וואס אויך דא זעט מען דעם כלל המדובר כמה פעמים, אז אמאל איז רש"י מעתיק בתוך פירושו די ווערטער פון פסוק - נאר דער בחור - הזעצער האט זיך ניט פאנאנדערגעקליבן און דעריבער האט ער געדרוקט די ווערטער מיט קליינע אותיות - ובאמת האט ער זיי געדארפט שטעלן אין גרויסע אותיות, אזוי ווי די ווערטער וואס רש"י איז מעתיק בתחלת פירושו.

איז עד"ז בפסוק דידן: "ולמה קורא אותה שנת השמיטה" - דאס זיינען ווערטער פון פסוק -

איז רש"י מבאר "שעדיין שביעית נוהגת בה בקציר של שביעית היוצא למוצאי שביעית".

וההסברה בזה:

רש"י האט פריער מבאר געווען אז דער יאר האט אין זיך צוויי ענינים: דאס איז "שנה ראשונה של שמיטה", און דאס איז "שנה השמינית".

ד.ה. אז דא איז אויך נוגע דאס וואס די שנה איז שנה השמינית, וההסברה בזה, ווייל קומענדיק פון א יאר וואס איז "שבת לה'", איז דער זמן המתאים צו נתעורר ווערן אין די ענינים פון שנת הקהל.

און דעריבער איז דא נוגע אז ס׳איז "שנת השמיטה" - "שעדיין שביעית נוהגת בה בקציר של שביעית היוצא למוצאי שביעית" - ווייל דאס דערמאנט אין שנת הקהל

אויף דעם ענין פון "שבת לה'", און דעריבער קען מען דערפון נעמען דעם כח אויף א תקופה חדשה, "למען ישמעו וגו'".

ס'איז דא נאך א חידוש וואס מ'קען זאגן אין דער רש"י דא - הגם אז דאס איז ניט מתאים מיט די תרגומים וכיו"ב.

רש"י האט טאקע ארויסגעגעבן דעם כלל אין אנהויב פ' מקץ, "וכל לשון קץ סוף הוא" - עס זיינען דאך אבער דא אין יעדן כלל יוצאים מן הכלל (ע"ד ווי רש"י אליין ברענגט (ויקהל לה, ג) בנוגע דעם לאו פון הבערה בשבת אז הבערה "יצאת" מן הכלל, ללאו אדער לחלק) - במילא קען מען זאגן אז דא אין דעם פסוק "מקץ שבע שנים" טייטשט רש"י אז "מקץ" מיינט "התחלה", און "מקץ שבע שנים" מיינט "בשנה ראשונה של שמיטה".

און ווי דער אבן - עזרא זאגט בכ"מ אז "קץ" האט דעם פירוש פון "קצה", און דאס קען מיינען סיי דעם "קצה" פון אנהויב סיי דעם "קצה" פון סוף, און ס'איז משמע מפירושו דא (אין וילך) אז ער טייטשט דעם ווארט "מקץ (שבע שנים)" מלשון התחלה.

לפי זה ווערט אבער די שאלה לאידך גיסא, צוליב וואס זאגט רש"י, "שהיא שנה שמינית"?

און די הסברה בזה, כאמור לעיל, אז דא איז נוגע אויך דער פרט אז זי איז א "שנה שמינית", דער יאר וואס נאך שמיטה - ובמילא איז דעמולט די פאסיקע צייט אויף די התעוררות פון "הקהל".

די הוראה דערפון אין עבודה:

מ'האט גערעדט שוין כמה פעמים, אז הגם אז שמיטת קרקעות בזמן הזה איז לכמה דיעות ניט מן התורה, ובחו"ל איז שמיטת קרקעות אינגאנצן ניט נוהג בכלל, נאר שמיטת כספים - איז דאך אבער ידוע אז די נשמה איז ניט געגאנגען אין גלות, און אין רוחניות זיינען דא אלע ענינים וואס זיינען געווען אין שנה השביעית.

וואס דער ענין אין רוחניות פון שנה השביעית אין עבודה בפשטות איז, כאמור לעיל, אז זייענדיק פנוי פון עבודת האדמה, האבן אידן דעמולט געהאט צייט פנוי אויף הוספה בלימוד התורה וקיום המצוות.

ומזה מובן די הוראה בזמנינו זה, אז מען דארף מוסיף זיין אין לימוד התורה אין די זמנים הפנויים.

און דאס קומט בהמשך להמדובר לעיל בארוכה וועגן די כוללים "תפארת זקנים" און "תפארת בחורים" און "תפארת חכמות נשים" - אז ס'זאל זיין א הוספה אין די אלע ענינים.

מג. ובהמשך להמדובר לעיל וועגן דער ענין פון "כולל תפארת זקנים לוי יצחק" - איז כאן המקום אויך צו רעדן וועגן דעם מוסד פון "כולל חב"ד".

וואס דאס האט דאך דער אלטער רבי מייסד געווען צוליב צדקת ארץ ישראל ובלשונו "צדקת ארץ ישראל (אדער ווי ער שרייבט במקום אחר צדקת "ארצות החיים") שהיא צדקת ה' ממש ... והיא שעמדה לנו לפדות חיי נפשנו כו'" ווי ער שרייבט אין זיינע אגרות קודש (אין זיין אגה"ק געדרוקט אין תניא, און אויך אין אנדערע אגרות).

און דערנאך האבן דאס ממשיך געווען די נשיאים ממלאי מקומו שלאחריו, ביז צו כ"ק מו"ח אדמו"ר.

וואס וויבאלד אז "דברי צדיקים קיימים לעד" - גייט דאך אן דער ענין פון כולל חב"ד ביז זמנינו זה.

און היות אז ביום ראשון פון דער וואך פון ר"ה מאכן זיי א התוועדות (אדער אן אסיפה, אדער א באנקעט (בלשון המדינה)), און "מפקחין בצרכי ציבור בשבת" - זאלן זיי איצטער נאכאמאל מכריז זיין וועגן דער התוועדות.

ויהי"ר אז כאו"א זאל זיך אין דערויף משתתף זיין, און יעדער איינער זאל געבן כפי נדבת לבם הטהור, און די וואס קענען געבן מער, וועלן זיכער געבן מער - ווארום נוסף לזה וואס זיי אליין וועלן געבן מער, וועט דאך זיין מהם יראו וכן יעשו אנדערע,

וואס דערפאר איז אפילו אויב אים קומט אויס אז אים איז שווער געבן מער ויפל ער וואלט געגעבן ע"ד הרגיל, אדער אפילו אויב אים איז טאקע געבן מער - דארף ער אבער בא זיך טראכטן אז במה נחשב הוא זיין צער און מאטערניש לגבי דעם וואס דורך דעם וואס ער גיט מער איז מהם יראו וכן יעשו א סך אנדערע אידן.

וכל המוסיף מוסיפין לו כמה פעמים ככה, און במילא בשעת ער גיט מער, באקומט ער צוריק כמה פעמים ככה, און אויך די וואס מהם יראו וכן יעשו - וועלן אויך צוריק באקומען . כמה פעמים ככה.

און וויבאלד אז מ'שטייט איצטער אין יום השבת אין דעם זמן פון "רעוא דרעוין" - זאל מען שוין איצטער מאכן די החלטות בזה, במילא וועט דאס גלייך זיין א התחלה אויף דעם אז דער ענין זאל זיך אפטאן מארגן, ביום ראשון, בפועל,

[ווארום יום ראשון בשבוע וואס קומט נאך יום השבת, איז ע"ד ווי די שנה הראשונה וואס קומט נאך שנה השביעית, וואס אויף איר זאגט רש"י אז "בשנה ראשונה של שמיטה שהיא שנה שמינית איז "עדיין שביעית נוהגת בה בקציר של שביעית היוצא למוצאי שביעית", וואס דערפאר ווערט דער שנה נאך שנה השביעית אויך אנגערופן שנת השמיטה (?)].

און דערפאר וועט מען אויך מאכן א התחלה בזה איצטער - דורך דערויף וואס מ'וועט נעמען פון די יין שרף פון דאנעט אויף דער התוועדות פון כולל חב"ד.

ובפרט נאך אז דער שבת קומט נאך שבת ח"י אלול, וואס דעמולט איז דער יום הולדת פון דעם אלטן רבי'ן, דער מייסד פון כולל חב"ד, וואס פון יענעם שבת (ח"י אלול) איז דאך "מיני' מתברכין כולהו יומין" כולל אויך דעם שבת.

און וויבאלד אז ח"י אלול איז דאך אויך דער יום הולדת פון דעם בעש"ט - האט מען דאך זיין תורה און הבטחה, אז שטייענדיק אין די טעג נאך פאר ר"ה, דעם שבת פאר ר"ה, וואס דעמולט לייגט מען "אתם נצבים היום כולכם" - איז "אתם נצבים קיימים ועומדים", ווארום מ'איז שוין דעמולט "זוכים בדין",

און ווי ער זאגט אין טור, אז נאך פאר ר"ה איז "לובשים לבנים ומתעטפים בלבנים", ווארום מ'איז זיכער אז מ'וועט זוכה זיין בדין.

וואס דערפאר איז מען אויך פארזיכערט אז מ'וועט האבן א כתיבה וחתימה טובה, לשנה טובה ומתוקה בטוב הנראה והנגלה ולמטה מעשרה טפחים, אין אלע ענינים וואס אלע אידן דארפן האבן,

ביז דער ענין העיקרי - דער גאולה האמיתית והשלימה, ובפרט אז מ'האט דערצו אויך דער זכות פון צדקת "ארצות החיים", נוסף לזה וואס "גדולה צדקה (בכלל) שמקרבת את הגאולה",

במהרה בימינו ממש.

כ"ק אדמו"ר שליט"א צוה להכריז אודות ה"דינער" של כולל חב"ד, ונתן יי"ש עבור הנ"ל.

ואח"כ התחיל לנגן והרקותי לכם ברכה עד בלי די.

* * *

הנחה פרטית בלתי מוגה